בלוטיקע טעג

ראמאן פון אידישן לעבן אין דער צייט פון די ערשטע יארן פון דער וועלט מלחמה

פון י. נא״מאן

(פארזעצונג)

קאפיטל 25

אונטערדעסן איז ראגאווין געשטאנען אין קרעטשמע אזוי ווי פארניכטעט און ער האט מיט דער האנט זיך א פאטש געטאן אין שטערן.

— צום טייוול, — האט ער געזאגט. — גראדע היינט קומען מיר ניט קיינע געדאנקען אין קאפ, שוין אזוי פיל מאל בין איך געווען אין געפאר און איך האב אימער זיך ארויסגעראטעוועט, נאר היינט איז מיר דער קאפ פוסט.

— איך זע, אז היינט איז אונזער ענדע, — האט סעמיאן געזאגט מיט א פינסטערער מינע, — אונזערע חברים וועלן אונז שוין ניט מער זען.

צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האבן פון ראגאווינס אויגן ארויסגעקאפעט צוויי טרערן.

— מיין רחל, מיין אומגליקלאכע רחל, —האט ער געמורמעלט—וואס וועט איצט ווערן פון דיר ? — ווער וועט דיך באשיצן פון אונזערע ביטערע פיינט ?

— סאלדאטן, ברעכט איין די טיר !

— האט פון דרויסן זיך געהערט די שטימע פון דעם קאמאנדיר, — גיט אבער אכטונג, אז איר זאלט דעם רעוואלוציאנער ראגאווינ'ען פאנגען א לעבעדיק, — סיידן דאס וועט זיין אוממעגלאך, זאלט איר אים דערשיסן !

— אהא, — האט ראגאווין געזאגט מיט א ביטערן שמייכל, — דאס אלעס וואס די דייטשן ווילן — כאפן מיך א לעבעדיקן ? !

אזוי ווי דונערן זיינען געפאלן די קלעפ פון די סאלדאטן, און די טיר האט שוין געהאלטן ביים פאלן. ראגאווין איז געשטאנען א בלאסער, אין דער רעכטער האנט האט ער געהאלטן אנגעגרייט זיין רעוואלווער, אום צו פארקויפן זיין לעבן אזוי טייער ווי מעגלאך.

פלוצלונג האט ער ווי עס שיינט, דערעטוואס זען, דען ער האט האסטיק צוריק אריינגעלייגט דעם רעוואלווער אין קעשענע און ער האט זיך געלאזט לויפן דורכ'ן צימער.

—ראגאווין, וואס איז מיט דיר ? — האט סעמיאן אויסגערופן דערשראקן, דען ער האט געמיינט ניט אנדערש, דאס זיין פריינט איז פון שרעק אראפ פון זינען.

— פרעג ניט קיין קשיות ! — האט ראגאווין צו אים אויסגערופן, — דו זעעסט ? קום, לאמיר לויפן !

ער האט מיט'ן פינגער אנגעציינט אויף עטוואס, וואס סעמיאן האט ניט פארשטאנען.

ראגאווין איז אבער צוגעלאפן צו דעם פלאץ, וואו עס איז געשטאנען א גרויסע און רויטער באק־אויוון, און אין דער נעקסטער מינוט איז ער פארשוואונדן געווארן אין אינווייניק.

ערשט איצט האט סעמיאן פארשטאנען, וואס ראגאווין וויל טאן, און ער האט אים נאכגעפאלגט.

עס האט ניט לאנג געדויערט און די ביידע מענער האבן ארויפגעקלעטערט אין דער הויך דורך דעם לאנגן און ענגן קוימען.

אנקומענדיק אין דער הויך האט ראגאווין זיך נאך איינגעבויגן אין דער עפענונג פון דעם קוימען, אום צו הערן וואס אונטן אין שטוב קומט פאר.

און ער האט געהערט דאס די סאלדאטן האבן שוין אויפגעבראכן די טיר און האבן זיך אריינגעריסן אין קרעטשמע מיט געשרייען :

— וואו איז ער, דער אנארכיסט ראגאווין ? וואו האט ער זיך דא באהאלטען ? זוכט אים אין אלע ווינקעלאך ! רייסט אויף די דילן !

די סאלדאטן האבן איבערגעקערט די הויז קאפויר, זוכנדיק ראגאווינ'ען, און אזוי איז אוועק א היבשע צייט ביז דעם קאמאנדיר איז ענדלאך איינגעפאלן, אז דער רעוואלוציאנער איז ווארשיינלאך אנטלאפן דורכ'ן קוימען אויפ'ן דאך, און ער האט שנעל געשיקט די סאלדאטן דורך א הויכן לייטער צום דאך.

דערוויילע אבער האבן די ביידע חברים געהאט גענוג צייט צו אנטלויפן אויף דעם דאך פון דער צווייטער הויז, וואס איז געווען פיל העכער אלס די קרעטשמע.

די סאלדאטן, וועלכע האבן זיי נאכגעיאגט האבן זיי באמערקט און איצט האט זיך אנגעהויבן א ווילדע יאגד איבער די דעכער. א יאגד וואס איז געווען פארבונדן מיט גרויסע געפארן, אי פאר די חברים, אי פאר די סאלדאטן.

די הייזער אין דארף שטייען, ווי באקאנט, שיטערער ווי אין שטאט, די ביידע חברים איז עס אפט אויסגעקומען אריבערצושפרינגען א גאנץ הויכע שטרעקע פון איין דאך צום צווייטן; אבער אויב זיי האבן געדיינקט, אז די סאלדאטן וועלן זיך אפשרעקן האבן זיי געהאט א טעות.

די סאלדאטן האבן מיט גרויס עקשנות זיי נאכגעיאגט און נאכגעשפרונגען פון דאך צו דאך. עס האט אויסגעזען, אז די גרויסע באלוינונג, וואס איז געווען אויסגעזעצט אויף ראגאווינ'ס קאפ, האט זיי שטארק געריצט. סיי ווי אבער האט ראגאווין באלד איינגעזען, אז זיין לויפן האט קיין צוועק, ווען דריי סאלדאטן זיינען הינטער אים און זיי וועלן אים באלד דערגרייכן.

ער האט דארום גאר זיך אפגעשטעלט, האט ארויסגעכאפט זיין רעוואלווער און ער האט אויסגעשאסן.

די קויל האט גוט געטראפן. איינער פון די סאלדאטן איז געפאלן א פארוואונדעטער און ער האט זיך אראפגעקייקלט פון דאך.

די אנדערע צוויי סאלדאטן האבן אבער ניט אפגעלאזט ראגאווינ'ען, און ווערנד איינער האט זיך געיאגט נאך סעמיאנ'ען, האט דער צווייטער באפאלן ראגאווינ'ען.

און עס איז אנטשטאנען צווישן זיי א שרעקלאכער קאמף.

דער דייטש איז געווען א הויכער, און א געזונטער; דער אידישער יונגערמאן, ראגאווין, איז אין קעגנזאץ געווען דאר; אבער ראגאווין איז פון זיין קינדהייט אן געווען געוואוינט צו־צונעמען קלעפ און צו געבן קלעפ, און ער האט דארום גאנץ פלינק אנגעהויבן צו האמערן מיט'ן פויסט אויפ'ן קאפ פון דעם סאלדאט, וועלכן ער האט געוואלט פארטומלען.

בעת דער סאלדאט האט זיך איצט איינגעפלאכטן אין אים מיט די הענט און מיט די פיס, אז ראגאווין האט זיך קוים געקאנט א ריר טאן.

ביידע האבן זיך איצט געקייקלט איבער'ן דאך, אמאל האט דער סאלדאט געהאלטן ראגאווינ'ען אונטער זיך, און צייטענווייז האט עס אויסגעזען, אז ראגאווין וועט בלייבן דער זיגער, ביז זיי האבן זיך צוגעקייקלט צו דער דאך־רינווע, וואו עס האט אויסגעזען, אז ביידע פאלן גלייך ארונטער.

אויפ'ן גאס האבן אונטערדעסן זיך צוזאמענגענומען אלע איינוואוינער פון דארף, וועלכע האבן צוגעקוקט דעם געראנגל פון די צוויי מענער.

ענדלאך האט ראגאווין מיט זיין גאנצן אימפעט זיך באפרייט פון דעם סאלדאט. האט אים א כאפ געטאן און ער האט אים אויפגעהויבן הויך איבער זיין קאפ, אום אים אראפצושליידערן פון דאך; ביי דער דאזיקער באוועגונג האט ער אבער גלייך פארלארן זיין גלייכגעוויכט און אין נעקסטן אויגנבליק איז ער מיט א געשריי ארונטערגעפאלן פון דעם דאך.

— — — — — — — — — —

אין דער היים, אין דער הויז אין דימיינער וואלד, איז אונטערדעסן געזעסן די שיינע רחל מיט א פארקלעמטן הארצן און האט אויסגעקוקט מיט ביידע אויגן אויף איר מאן.

—ער איז שוין ווידער פארהאלטן געווארן ערגעץ, טויבע, — האט זי געזאגט צו איר פריינדין, דעם מילנער'ס טאכטער. — ער איז שוין ווידער געקראכן אין געפאר און מיט אים האט געוויס פאסירט אן אומגליק. א, מיין אומגליקלאכער שלמה !

— זיי רואיק, רחל, — האט טויבע דעם מילנער'ס איר געטרייסט, — דיין מאן האט זיך עטוואס פארשפעטיקט, אבער ער וועט באלד קומען צוריק. ער איז מוטיק, אבער ער איז קלוג און ער ליבט דיך.

— אפילו ביי דעם בעסטן מאן איז א ווייב אויף צרות, — האט רחל געערדט דערביטערט. — וואס נוצט מיר, וואס שלמה ליבט מיך, אז איך דארף ציטערן ביי יעדן מאל ווען ער גייט אוועק פון הויז, דאס ער זאל ניט אריינפאלן אין א צרה. אט קאן איך שוין ווידער ניט איינרוען; קום טויבע, מיר וועלן אים גיין אנטקעגן.

די ביידע פרויען האבן פארלאזן דעם וואלד און זיי זיינען געגאנגען מיט'ן ברעג פון ניעמאן צום דארף.

ביי רחל'ן זיינען די אויגן געווען פארצויגן מיט א טרויער שלייער, זי האט איר מאן היים געליבט און זי האט געפילט, אז אן אים איז זי הילפלאז ווי א קינד.

— איך זע אים ! דאס איז ער ! — האט טויבע דעם מילנער'ס פלוצלונג אויסגערופן דערפרייט, א כאפ טוענדיק איר חבר'טע ביי דער האנט, ער לויפט זייער שנעל פון דארף, ער ווערט ווארשיינלאך פארפאלגט. אבער דאס איז ער !

עס איז ווירקלאך געווען שלמה ראגאווין, וועלכער איז באלד אנגעקומען, לויפענדיק; קוים אפציענדיק דעם אטעם. דאס געזיכט באדעקט מיט שווייס און מיט שמוץ און די קליידער פארבלוטיקט, אז מען האט אים קוים געקאנט דערקענען.

— זיי יאגן זיך נאך מיר ! — האט ער געערדט סאפענדיק, — איך האב ניט געהאט פון זיי וואו זיך צו באהאלטן, באלד וועלן זיי אנקומען, און אויך דאזע איך ניט פאר זיך קיין רעטונג, סיידן שפרינגען אין ניעמאן, האט איר גארניט פאר מיר קיין עצה ?

— אבער וואס איז געשען ? זע ווי דו קוקסט אויס ! — האט די געטרייע פרוי אויסגערופן און איז אים געפאלן אויפ'ן האלז, — און וואו איז סעמיאן ?

— וואס מיט סעמיאנ'ען איז געווארן, ווייס איך אליין ניט, — האט ראגאווין געענטפערט האסטיק, — נאר איך האב געהאט א קאמף מיט א סאלדאט אויף א דאך, איך האב אים ארונטערגעשליידערט און בין אליין ארונטערגעפאלן, און ווערנד די אנדערע סאלדאטן זיינען געלאפן העלפן זייער חבר האב איך דערוויל אומבאמערקט פון געמאכט פליטה, און דא בין איך; אבער זיי קומען אן ! עס איז קיין רעטונג ניטא !

— ניין, עס איז נאך ניט אלעס פארלארן ! — האט אויסגערופן טויבע דעם מילנערס — איר זעט ? ניט ווייט פון דאנען איז דער פראם, וואס פירט אריבער דעם ניעמאן פון טאלעסקא נאך וואננא. קומט שנעל, מיר וועלן איבערשניידן די שטריק, און לאזן זיי דאן כאפען דעם ווינט אויפ'ן פעלד.

אונטער די אומשטענדן איז דאס געווען דאס איינציקע וואס ראגאווין האט געקאנט טאן. באלד האבן אלע דריי דערגרייכט צו דעם פראם, וואס האט צשום גליק זיך געפונען אויף זייער ברעג. און ווערנד ראגאווין און רחל זיינען אריינגעטראטן אין דער קליינער פראם שטיבעל, אום די פארפאלגער זאלן זיי ניט באמערקן, האט טויבע איבערגעשניטן די שטריקל און האט עס קרעפטיק אפגעשטויסן פון ברעג.

לאנגזאם איז דער פראם אריינגעצויגן געווארן אין מיטן טייך וואו ער איז פארכאפט געווארן פון דעם שטראם. און אין נעקסטן אויגנבליק האט עס זיך שוין געטראגן מיט דעם שטראם ארונטער דעם ניעמאן.

עס האט ניט לאנג געדויערט און צום ברעג פון טייך האבן צוגעשטורמט א 25 דייטשע סאלדאטן אויף פערד. זיי האבן געזעען דעם פראם שווימענדיק אויף דעם ניעמאן און זיי האבן פארשטאנען, אז דא געפינט זיך דער שרעקלאכער רעוואלוציאנער.

זיי האבן אנגעהויבן שיסן. די קוילן האבן געטראפן אין די ברעטער פון דעם שטיבל, אבער זיי האבן ניט געטאן קיין שאדן ניט ראגאווינ'ען און ניט זיין פרוי.

דאן האט איין קויל געטראפן טויבען און איר לייכט פארוואונדעט.

אויף איר געשריי איז ראגאווין ארויסגעלאפן און אין זיין ווילדן צארן איבער די דייטשן, וועלכע האבן אפילו ניט געשאנעוועט קיין פרוי, האט געכאפט די ביקס וואס ער האט געפונען אין דער שטיבל, און ער האט אנגעהויבן שיסן אויף די דייטשן.

צוויי דייטשע סאלדאטן זיינען געפאלן געפערלאך פארוואונדעט; אבער דאס האט ראגאווינען סיי ווי ווייניק געהאלפן. די איבעריקע סאלדאטן זיינען געווארן נאך מער פארביטערט און זיי האבן שוין מער ניט אויפגעהערט צו שיסן אויף דעם פארפאלגטן יונגערמאן. זיי האבן מיט'ן ברעג פון דעם ניעמאן נאכגעיאגט דעם פראם ביז זיי האבן זיך אויסגעגלייכט מיט אים אויף איין פלאץ, וואו דער ניעמאן איז שמאלער און ענגער, אזוי דאס זיי האבן בעסער געקאנט צילן מיט זייערע ביקסן.

און איצט האבן זיי אנגעפאנגען שיקן צום פראם א רעגן פון קוילן, אויף וועלכע ראגאווין האט פינקטלאך געענטפערט.

נאר פלוצלונג איז ער בלאס געווארן, די ביקס איז אים ארויסגעפאלן פון דער האנט און ער האט זיך א כאפ געטאן ביי דער ברוסט.

— מיין גאט, איך בין פארוואונדעט!

— האט ער אויסגערופן און אין דעם נעקסטן אויגנבליק איז ער געפאלן צו דער ערד.

(פארזעצונג קומט)

"דאָס אידישע וואָרט"

אין יעדער אידישער היים אין מערב קאנאדע

מיר האָבן איצט רעאָרגאניזירט און פארגרעסערט אונזער צירקולאציע דעפארטמענט אונטער דער פארוואלטונג פונם באקאנטן מערב קאנאדער אידישן תושב

זלמן פראסאָוו

און מיט פארשטייער אין אלע וויכטיקערע פונקטן אין מערב קאנאדע, וואס וועלן באמיען זיך צופרידן שטעלן אלע אונזערע אבאנענטן.

איר קאנט קריגן די ציימונג ביי אונזערע פאלגנדיקע פארשטייער, וועלכע זיינען אויך באפולמעכטיקט צו זאמלען חובות פון אלטע און שאפן נייע אבאנענטן:

סאסקאטון —

פאר קארעספאנדענץ: מר. מעקס ד. פרידמאן, טעלעפאן 3320 אדער 3080.

רעדזשיינע —

פאר קארעספאנדענץ און געשעפט: מר. י. בערעזנער, טעלעפאן 5365.

קאלגארי —

פאר קארעספאנדענץ און געשעפט: מר. הענרי זיסקינד, טעלעפאן 1733 אדער עם. 1767.

עדמאנטאן —

פאר קארעספאנדענץ: מר. י. באלצאן, טעלעפאן 24 209.
פאר געשעפט: מר. א. ווינאגראדסקי, טעלעפאן 27 336.

וואנקאווער —

פאר קארעספאנדענץ און געשעפט: מר. ה. פרימאן, טעלעפאן בייוויו 6436 על.

אדער ווענדעט זיך דירעקט צו אונזער

MR. J. PRASOW

CIRCULATION MANAGER

THE ISRAELITE PRESS, 165 SELKIRK AVE.

באמערקונג :

כדי ענגער צו פארבינדן איר גרויסע משפחה לעזער, האט "דאס אידישע ווארט" אויך אנגעשטעלט ספעציעלע קארעספאנדענטן, א חוץ אין די אויבנדערמאנטן שטעט, אויך אין די קלענערע שטעטלאך אין מערב קאנאדע, פון וואנען זיי וועלן צושיקן צו דער צייטונג ווענכנטלאכע באריכטן אין וועלכע זיי וועלן ווי ווייט מעגלאך זיך באמיען אפצושפיגלען דאס אידישע לעבן אין די באטרעפנדע שטעט און אומגעגנטן.

די דאזיקע באריכטן ווערן געדרוקט וועכנטלאך אין "דאס אידישע ווארט" און די לעזער פון וויניפעג און מערב קאנאדע האבן די געלעגנהייט דורך די דאזיקע באריכטן זיך נעענטער צו באקענען מיט די טעטיקייטן און דעם געזעלשאפטלאכן לעבן פון יעדער אידישער קהילה פון אונזערע מערב פראווינצן.

NEW PALACE THEATRE

היינט און מארגן
ריטשארד בארטעלמעס אין
"דער זון פון די געטער"
אויך א קאמעדיע און פאקס נייעס

אין פעלעס טעאטער

די צאלרייכע פאטראניזירער פון פעלעס טעאטער וועלן היינט ווידער האבן דאס פארגעניגן צו זעען און הערן איינע פון די פיינסטע ריידנדיקע בילדער, אין וועלכער דער בארימטער מאווי סטאר, ריטשארד בארטעלמעס, שפילט די הויפט ראל. "דער זון פון די געטער" איז דער נאמען פון דעם בילד וואס וועט ווערט היינט געשפילט. דאס איז דאס גרעסטע ריידנדיקע בילד וואס איז ווען פראדוצירט געווארן. עס ווערט אויך געוויזן א דורכאוס ריידנדיקע קאמעדיע און פאקס נייעס.

טראסטים סייל

סטאק פון דריי גודס, קלאדינג, בוטס און שיך, גראסעריס און א. וו., אין
MANOR, SASKATCHEWAN

ביי אקשען וועט פארקויפט ווערן אין אפיס פון דער טריידערס טראסט קאמפאני, 400 יוניאן טראסט בילדינג, וויניפעג, מאנטאג דעם 11טן אויגוסט, 1930, 11 אזייגער אינדערפרי, צו א רייט אויפן דאלאר, דער סטאק און פיקסטשורס וואס באלאנגט צום עסטייט פון

J. SHARPE COMPANY

סטאק לויט'ן אינווענטאר	$6,476.32
פיקסטשורס לויט'ן ליסט	1,010.50
	$7,486.82

טערמס—קעש, אדער איין־פערטל קעש באלאנס אין צוויי, פיר און זעקס מאנאטן מיט אינטערעסט צו דעם רייט פון זיבן פראצענט, סעקיורד. דעם סטאק קאן מען באטראכטן אויפן פלאץ אין מאנאר, סאסקאטשעוואן. די אינווענטארי און אנדערע אינפארמאציע קאן מען באקומען זיך ווענדנדיק אין אפיס פון די אונטערגעצייכנטע.

דאטירט אין וויניפעג, מאניטאבא, דעם 1טן אויגוסט, 1930.

THE TRADERS TRUST COMPANY
Union Trust Building
Winnipeg, Man.

הייסע וואסער צו נידעריקערן קאסט!

פארשט אויס דעם אפשאנעל הייסע וואסער געז באהייצונג רייט. דאס רעדוצירט אייער הייסע וואסער באהייצונג קאסט.

טעלעפאנירט 842 312
אדער 842 314

Winnipeg Electric Company

"אייער גאראנטיע פאר גוטער באדינונג".

פיר סטארס :
Appliance Dept., Power Bldg., Portage & Vaughan;
1841 Portage Ave., St. James;
Marion & Tache St., St. Boniface
511 Selkirk Ave.

וואולקאנייזינג

16 יאר דערפארונג
גאזאלין, אוילס, קארס געוואשן
FRANK WATSON
170 MAIN STREET
Dunlop Tire — Phone 80 663

INCOME TAX SERVICE
AUDITS, FINANCIAL REPORTS
INVESTIGATIONS
בוקקיפינג סערוויס
ס. א. פארטיגאל
— מיט —
דזשא. לוס און קאמפאני
Chartered Accountants, Auditors
204 עוועניו בלאק, טעלעפאן 23 942
רעזידענס פאן 24 524

זעט אונזערע נייע ספרינג סחורות

א גרויסער אויסוואל פון וואס אויסצוקלייבן

Dominion Furniture Co., Limited
499 NOTRE DAME AVENUE
PHONES: 86 195 — 87 873

פעדערנע און וואלענע קאלדרעס

געמאכט צו ארדער, פארשיידענע סייזעס. איבערגעמאכט פון אייערע איינענע פעדערן. אויך וואלענע קאלדרעס.
THE PERFECTION QUILT MFG. CO.
682 Selkirk Ave. — Phone 52 546

וואנצן און קאקראוטשעס

פארניכטעט. ארבעט גאראנטירט
CHARLES RIESS & CO.
376 Colony St. — Phone 33 529

Classified Section — קלאסיפייד סעקשען

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג

איין מאל, 5 ס. פער "אגייט ריי"	פאר 3 מאנאטן, $2.15
פאר א וואך, 20 ס. "	פאר 6 מאנאטן, $4.00
פאר א מאנאט, 75 ס. "	פאר 1 יאר, $7.50

:: צו פארקויפן ::
FOR SALE

8 רום הויז, פולי מאדערן, אויסגעפיקסט אויף שענסטן אופן. צווייטער בלאק פון מיין סטריט. פרייז $3,500. א גרויסער בארגען.

5 רום קאטעדזש, סעמי מאדערן, מיט א סטייבל פאר 3 פערד, אויף אלפרעד עוועניו. פרייז $2,200. א גרויסע מציאה.

סוויטס צו פאררענטן

באלפוריא אפארטמענטס, קאטידראל עוועניו.

גלאב אפארטמענטס, סט. דזשאנס עוו. און מיין סטריט.

נאבעל אפארטמענטס, אלפרעד עוו., איסט אף מיין סטריט.

רענפריו אפארטמענטס, מאונטען עוו., קאר. פאוערס.

קארמאן אפארטמענטס, בארוס עווע. דיימאנד בלאק, סעלקירק עוועניו. מאניטאבא קרט., 337 מאניטאבא עוו. דער גרעסטער אויסוואל פון סוויטס אין דער נארט ענד.

אינשורענס פאר אלערליי צוועקן. געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

צו פארקויפן אדער פאררענטן 300 טרענט עווע.

גראסערי און בוטשער שאפ מיט 6 רום סוויט. ניי דעקארירט. גרויסער "בארן" דערביי. סייל פרייז $4,000. רענט $45 א מאנאט. זיך ווענדן צו
NETHERLANDS TRUST CO. LTD.
400 National Trust Bldg. Phone 26 803

צו פארקויפן א גראסערי און קאנפעקשאנערי סטאר, אויף א הייוועי, אין א שנעל וואקסנדן דיסטריקט. גוטער טרעפיק טרייד. גאראנטירט אויף צו מאכן א לעבן. זיך ווענדן! צום איינגנטימער 809 הענדערסאן הייוועי.

צו פארקויפן א לאט אין גרענד ביטש אנטקעגן לייק, פאר פולע איינצעלהייטן טעלעפאנירט 45 772.

סטאק און פיקסטשורס פון דזשענעראל מערטשענדייז צו פארקויפן. ווערט ארום $4,000. נייער מאדערנער בריק בילדינג. א קרימערי אין שטעטל. אממייסטן דייטשער סעטלמענט. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 865.

צו א סוחר

גרענוויל קלייזער

פריי איבערגעזעצט פון ח י ו ת

בלייבן די געשעפטן שטייען —
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
וויל דער מארק ניט העכער גייען :
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
קרעכצן — וועט אייך גארניט העלפן;
זארגן — ברייגגען ניט די סענטן;
ווילט איר איבערקערן וועלטן :
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
"גוטע צייטן" — טראכט מען אוים !
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
"גוטן ווילן" — בויט מען אוים !
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
שווימט אריבער שלעכטע צייטן;
ווארפט ארוים די שווארצע זייטן;
זייט מיט גרויסע מענשן גלייך;
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
ווילט איר וואס איר האט — פארקויפן:
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
ווילט איר מ'זאל צו אייך לויפן :
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !
אדווערטייזט — די סחורה הייגט :
אדווערטייזט — מיט ברייטער האנט;
אדווערטייזונג — צאלט זיך באלד;
א ד וו ע ר ט ײ ז ט !

געשעפט געלעגנהייטן
Business Opportunities

גוטע ביזנעס געלעגנהייט

פאר א מאן מיט 15 ביז 20 טויזנט דאלאר אין א גוט גייענדער מאנופעקטשורינג ביזנעס, מיט פראקטישן און פעאיקן מאן אלס פארטנער. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 874.

קאנפעקשאנערי, איינער פון די בעסטע סטענדס אין שטאט. פיקסטשורס $2,000 סטאק $700. רענט $50. איר קאנט דא מאכן געלט.

דעליקאטעסן און קאנפעקשאנערי אין נארט ענד, מוז שנעל פארקויפט ווערן, סטאק און פיקסטשורס בלויז $800. רענט $25.

גראסערי און קאנפעקשאנערי, מיט מאדערנע 4 רום וואוינונג, אויף א זייער גוטען קארנער. סטאק און פיקסטשורס $1,200. בילדינג $2,500. בלויז $1,200 קעש נויטיק.

אויב איר ווילט א געשעפט, זעט
ה. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street — Phone 51 000

:: שטעלע פארלאנגט ::
SITUATION WANTED

פארלאנגט א שטעלע אין א דזשענעראל סטאר, האב עטלאכע יאר דערפארונג. קאן געבן בעסטע רעפערענס. שרייבט צו סוויט 6 יוראפיען בלאק, אדער טעלעפאנירט 23 030 און פרעגט פאר נ. גובערמאן.

עקספיריענסד קלערק פארלאנגט א שטעלע אין א דזשענעראל סטאר אין שטאט אדער קאנטרי. קאן געבן רעפערענס. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 836.

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

טענץ יעדע נאכט אין אונזערע קלאסן מיט וויניפעג'ס בעסטע טענצער גוטע פארטנער פאר אלעמען קאמפליט קורס. פריוואט לעסאנס $5.00.
PROF. AND MISS SCOTT
200 Portage Ave. Next Lyceum. 88 106

SIMPSON & COMPANY
בייליפס
לייסענסר און באנדער
ד. סימפסאן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK — PH. 88 008

געלט !
פאר אייערע באלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג. שטרייגג פארטרוילאך
אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

R. B. ORMISTON
פלאריסט
צוויי סטארס צו אייער באדינונג
96 Osborne St., Phone 42 386
340 Portage Ave., Phone 24 791
בלומען טעלעגראפירט איבעראל

A. MUIR
אוטאריזירטער
דוקא פינישינג סטיישאן
פענדערס און באדי ריפעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

לייף אינשורענס
בעסער צו האבן א פאליסי און ניט דארפן עס, איידער דארפן דאס און ניט האבן..
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

מיר דעליווערן

מיר האלטן א פולשטענדיקן סטאק פון קרימס, פאודערס, פאטענטירטע מעדיצינען און א. וו. מיר קומען נאך פרעסקריפשאנס און מיר דעליווערן צו יעדער צייט. מעיל ארדערס פינקטלאך אויסגעפילט.
SERVICE DRUG STORE
962 Main St. at Selkirk. Phone 55 354

דיינקסט - זומער סייל

2 פענט סוט צו 1 פענט פרייזן
SCANLAN & McCOMB
417½ PORTAGE AVENUE

ספעשל אין טרוקענע האלץ

שווערע סלאבס, ½ קארד געשניטן	$4.25
פיין, ½ קארד, געשניטן	$4.50
פאפלאר, ½ קארד, געשניטן	$4.00

פ. וואגנער, טעלעפאן 56 642

:: צו פאררענטן ::
FOR RENT

ראזגלען אפארטמענטס, 3 און 4 רום סוויט, פולי מאדערן, מיט עלעקטריק אויוועז, איין בלאק פון קאר ליין. ריזאנאייבל רענט. באלדיקער באזיץ. פאן 51 254.

3 אדער 4 רום סוויט צו פאררענטן דאונטאון, אין 596 מאניטאבא עווע. זיך ווענדן צו
DOMINION BAG CO.
596 Manitoba Ave. — Phone 53 022

צו פאררענטן א סטאר מיט 5 רומס אין עלמוואוד, 589 טאלבאט עווע. רענט ביליק. זיך ווענדן אין 278 בארוס עוועניו טעלעפאן 54 900.

צו סובלעטן א 3 רום סוויט מיט א סקרינד באלקאני אין באלטיק אפארטמענטס. רעדוצירטע רענט. מען קאן אריינמופן צווישן 15טן אווגוסט און 1טן סעפט. זיך ווענדן צום קערטייקער.

מרס. א. קאופמאן

וויניפעג ביטש
בארד און רום, בעסטע, באַ'טעמ'טע מאכלים, בעסטע באדינונג און באהאנדלונג — נאכמיטאג טיי מיט היימישע געבעקס. דער אדרעס איז : 3 איש סטריט, טעלעפאנירט 51 746.

צו פאררענטן א 6 רום הויז און באד רום אין 26 אייקינס סטריט. גרויסע באקוועמע רומס, רענט ביליק. זיך ווענדן אין 373 רעדוואוד עוועניו.

צו פאררענטן א 3 רום סוויט. עלעקטרישער אויווז, הייסע וואסער און פרייער טעלעפאן. זיך ווענדן 460 סעלקירק עווע.

3 רום סוויט אין א נייער באנגאלאו. וואלט פאררענט צו א קאפל אן קינדער. אפסטערס סוויט מיט עלעקטריק אויוון, קיטשענעט. זיך ווענדן אין 284 סט. דזשאנס עוועניו.

געפוירנישטע רום צו פאררענטן
זיך ווענדן צו
484 פלארא עוועניו

* * * * * * * * * * * * * * * *
* לייענט "דאס אידישע ווארט". אייער *
* איינענע צייטונג, געדרוקט אין אונ־ *
* זער איינענער שפראך, פאר אונזערע *
* איינענע אינטערעסן פארשפרייט אין *
* אלע אידישע היימען פון וויניפעג און *
* מערב קאנאדע. *
* * * * * * * * * * * * * * * *